# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

Vol. XIII, No. 7 — 50 CENTS A YEAR — MARCH, 1931

## IS A JEW WORSE THAN A HEATHEN?

"Let the Christian missionaries go among the untutored savages" cried out a certain rabbi here in Brooklyn the other day in an address which he gave at the Brooklyn Jewish Center. How much we poor Jews have had to suffer from our rabbis! It is the old, old story of blind leaders leading blind people; the old, old story of what our forefathers experienced when they were misled by the false leaders of their day, whom God called false shepherds. Just listen to the stinging condemnation that God gave to our false shepherds of old:

> "Son of man, prophesy against the shepherds of Israel, prophesy, and say unto them, Thus saith the Lord God unto the shepherds: Woe be to the shepherds of Israel that do feed themselves! should not the shepherds feed the flocks? Ye eat the fat, and ye clothe you with the wool, ye kill them that are fed: but ye feed not the flock."—Ezek. 34:2,3.

And now comes another rabbi, indeed many rabbis, in the present day, to shout from the housetops that Christians must not bring to the Jews the only hope that there is in the world for salvation and for eternal life, the Gospel of the Lord Jesus Christ, who was our Messiah, and who fulfilled the promises made to us by God thru the prophets.

The Christian people love the Jews; every real Christian has a true love in his heart for the children of Abraham, Isaac and Jacob. And because the Christian loves the Jew, he is anxious to bring to the Jew salvation, thru the knowledge of our Jewish Messiah, the Lord Jesus Christ. When you come to think it all out you will see that no greater good can be done by the Christian for the Jew than just this, and no greater evidence could be given that the Christian truly loves the Jew.

But up jumps Mr. Rabbi and shouts at the poor Christian, "You go to the heathen and let us alone!"

What? Is the heathen savage better than the Jew?

Suppose that the Christian churches should suddenly announce to the world, "We will never again approach a single Jew with the message or with any information concerning the Lord Jesus Christ, we will never even invite a Jew to come to our churches, nor will we even ask Jewish children to come with our children to Sunday School; we will let the Jews absolutely alone!"

Just think how quickly every rabbi in America would send out an alarm all over the country "Anti-Semitism! Anti-Semitism! Why do the Christians discriminate against us and send their missionaries to the heathen savages rather than to us! Are the heathen savages more desirable and better than we are?"

So you see dear reader you can never please these rabbis. Instead of being thankful that the Christian churches are so kind as to think about the Jews and to do whatever can be done to help them, these rabbis flaunt insults to their faces, and accuse the Christians of all kinds of mean motives.

It was the same way exactly when the Lord Jesus Christ was here on the earth; He went about doing good, He loved the poor, He ate and He drank with the publicans, He healed the sick, He raised the dead, He just literally poured out His life to help all those who were in need. And yet the Jewish bosses, the rabbis of that day, had the daring and the effrontery to announce to the world, "He has a devil!"

What a pity! And how important it is for you dear reader to realize that we Jews cannot trust our leaders any more, for they only lead us into deeper pits and blinder alleys, the farther we follow them.

Our only hope is that we shall turn to the Lord Jesus Christ, let Him be our rabbi, and then we will find true happiness, for we shall have the knowledge that we are saved to eternal life thru the sacrifice made by Him once for all for us on the Cross at Calvary. You dear friend who are reading these lines at this moment can accept the Lord Jesus Christ right in your chair and at once become a new man for you will be born again. Will you do it?

**40 CTS. WORTH FOR 25 CTS.**

Send us 25c. in coin or Stamps and we will mail you a 40c New Testament in Hebrew, Yiddish or English. Should our supply be gone, however, we reserve the right to return your money:

Address:
THE SHEPHERD OF ISRAEL
27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

## SOME MORE BLINDNESS

From the "Mediator", published by Rev. Henry Einspruch, a Jewish believer in the Lord Jesus Christ, we quote the following item, just to show our readers again how unreliable and prejudiced are the statements and information given to us from time to time by those who would seek to be our spiritual guides:-

> The Jewish masses can no longer be hoodwinked. They know as much, if not more than some of our Jewish editors. In the Jewish Day of January 22, 1931, one Zalmen Moses Most takes the editor to task for misrepresenting facts and dates relating to the New Testament. The editor claimed that Paul lived an hundred years after Christ. To which Mr. Most, basing his statements on history, remarks: "Anybody knows that Paul, a pupil of Rabbi Gamaliel, lived in Jerusalem some fifteen years after the death of Jesus. . . . When it comes to dates," writes Mr. Most, "I believe in the saying: 'Wise men, be careful with your words'."

**OUR HEADQUARTERS**



**BETH SAR SHALOM**
**Throop Avenue and Walton St.**
**Brooklyn, N. Y.**

## A DRINK FROM THE FOUNTAIN

("Whosoever drinketh of the water that I shall give him shall never thirst; but the water that I shall give him shall be in him a well of water springing up into everlasting life."—John 4:14).

"There was a certain rich man, which was clothed in purple and fine linen, and fared sumptuously every day: And there was a certain beggar named Lazarus, which was laid at his gate, full of sores, And desiring to be fed with the crumbs which fell from the rich man's table: moreover the dogs came and licked his sores. And it came to pass, that the beggar died, and was carried by the angels into Abraham's bosom: the rich man also died, and was buried; And in hell he lifted up his eyes, being in torments, and seeth Abraham afar off, and Lazarus in his bosom. And he cried and said, Father Abraham, have mercy on me, and send Lazarus, that he may dip the tip of his finger in water, and cool my tongue; for I am tormented in this flame. But Abraham said, Son, remember that thou in thy lifetime receivedst thy good things, and likewise Lazarus evil things: but now he is comforted, and thou art tormented. And beside all this, between us and you there is a great gulf fixed: so that they which would pass from hence to you cannot; neither can they pass to us, that would come from thence. Then he said, I pray thee therefore, father, that thou wouldst send him to my father's house: For I have five brethren; that he may testify unto them, lest they also come into this place of torment. Abraham saith unto him, They have Moses and the prophets; let them hear them. And he said, Nay, father Abraham: but if one went unto them from the dead, they will repent. And he said unto him, If they hear not Moses and the prophets, neither will they be persuaded, though one rose from the dead."—Luke 16:19-31.

שיקט אונז 20 סענט אין סטעמפּס וועלען
מיר אייך שיקען א נייעם טעסטאמענט
אין אידיש, ענגליש אדער העברעאיש.
דאס וועט אייך די אויגען עפענען.

Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

## OUR MISSIONS

**You can learn more fully about the Lord Jesus Christ, and secure additional copies of The Shepherd of Israel, as well as other interesting tracts and books, if you will inquire at any of our Stations, which are located as follows:**

**BROOKLYN, N. Y.**
BETH SAR SHALOM
27 THROOP AVE., COR. WALTON ST.

**PHILADELPHIA, PA.**
BETH SAR SHALOM
535 SPRUCE STREET

**ATLANTIC CITY, N. J.**
BETH SAR SHALOM
2603 PACIFIC AVENUE

**PITTSBURGH, PA.**
BETH SAR SHALOM
1861 ROSE STREET

**DETROIT, MICHIGAN**
BETH SAR SHALOM
7709 OAKLAND AVE. AT CLAY

---

## אונזערע מיסיאנען :

איהר קאנט מעהר לערנען וועגען דעם אמת אין ישוע המשיח ווי אויך בעקומען פארשידענע טראקטאטען און ביכער, ווען איהר וועט באזוכען אדער שרייבען צו אונזערע פאלגענדע מיסיאנען :

ברוקלין, נ. י.
בית שר שלום
27 טרופ עווענױ

פילאדעלפיא, פא.
בית שר שלום
535 ספרוס סטריט

אטלאנטיק סיטי
בית שר שלום
2603 פאסיפיק עווענױ

פיטסבורג, פא.
בית שר שלום
1861 ראוז סטריט

דעטראיט, מישיגען
בית שר שלום
7709 אוקלענד עווע., ביי קלעי

## QUESTIONS AND ANSWERS

Readers are invited to send questions for this Column. Your question should be signed, but in no case will your name be made public; it will be kept by us in the strictest confidence, as evidence of your good faith.

QUESTION 2. *Do you think a Jew should marry a Christian?*

*Answer.* Happiness in marriage can only come if both parties are agreed in every important principle. Religion is one of the most prolific causes of controversy. In Amos 3:3 we find the question, "Can two walk together, except they be agreed?" In the New Testament also, the believer in the Lord Jesus Christ has some instruction concerning this point, and this is of value even to the unbeliever. It is this: "Be ye not unequally yoked together with unbelievers." 2nd Cor. 6:14.

The Jewish boy who wants to marry a Christian girl ought first to study the claims of the Lord Jesus Christ, and then having found these claims to be true, he should become a true follower of His, and then he may be sure of a happy marriage with the Christian girl. Likewise the Jewish girl who wants to marry the Christian young man. Only in this way can there be a happy home.

It is important that both parties be very honest in a matter of this kind; that is, the young man must not say only with his lips that he is a Christian, neither should the Jewish girl say only with her lips that she is a Christian. It must come truly from the heart and it must come from an honest conviction that the Lord Jesus Christ is our Messiah and our Saviour.

QUESTION 3. *How can you ask a Jew to believe in Christianity which has tortured, drowned and burned alive unnumbered thousands of innocent Jews?*

*Answer.* You do not judge a barrel of apples because one apple is rotten. You would not like us to condemn all Jews because a few of them are gangsters, Communists, murderers. The Lord Jesus Christ said in Matt. 7: 16, 17:

> "Ye shall know them by their fruits. Do men gather grapes of thorns, or figs of thistles? Even so every good tree bringeth forth good fruit; but a corrupt tree bringeth forth evil fruit.

A Christian is exactly what the word indicates, a Christ-ian, one who follows the Lord Jesus Christ. The Lord Jesus Christ never taught to hate or to kill; on the contrary the one thing which He did tell His followers was that they love their fellowmen. Listen to these wonderful words that fell from His own lips:

> "Ye have heard that it hath been said, Thou shalt love thy neighbor, and hate thine enemy. But I say unto you, Love your enemies, bless them that curse you, and pray for them which despitefully use you, and persecute you." Matt. 5:43, 44.

What then is the answer? It is, that those people in Russia or Spain or Roumania or any other part of the world who at any time hated the Jews, could not possibly be real Christians. **A true Christian loves the Jew.**

## פראגען און אנטווארטען

לעזער פון דיעזען בלאט זענען איינגעלאדענט צו צושיקען פראגען פאר דיעזען קאלום. די פראגען מוזען זיין אונטערשריבען ביים זענדער, אבער אונטער קיינע אומשטענדען וועלען וועלכע נעמען פארעפענטליכט ווערען צום לעזע פובליקום.

### פראגע 2

איז עס ראטהזאם אז א איד זאל הייראטען א קריסט ?

### אנטווארט

א גליקליכע הייראט קאן נור זיין ווען ביידע, מאן און פרוי, זענען אין אלעם איינשטימיג. רעליגיאן איז איינס פון די הויפט זאכען. אין נביא עמוס ג: 3 געפינען מיר א פראגע: "קאנען דען צוויי מענשען געהן צוזאם אויסער ווען זיי זענען פעראייניגט?" אויך אין ברית חדשה איז דער גלויביגער אין ישוע המשיח אינפארמירט וועגען דעם עניו, וועלכעס איז אויך אויף גרויס אינטערעס אפילו צו דעם אונגלויביגען. דער אפאסטעל ווארענט דארט דעם גלויביגען נישט צו געהן אין איין יאך מיט'ן אונגלויביגען. (2 קארינטער ו, 14) א איד וואס וויל הייראטען א קריסטליכע פרוי, דארף זיך צוערשט גוט בעקאנט מאכען מיט ישוע המשיח און אין איהם גלויבען, ערשט דאן וועט ער קאנען ערווארטען א צופרידענעם לעבען מיט א קריסטליכע פרוי.

### פראגע 3

ווי אזוי קאנט איהר ערווארטען אז א איד זאל אננעהמען קריסטענטום, וועלכעס האט געמארטערט, דערטרונקען און לעבעדיגערהייט פארברענט אזוי פיעל טויזענטער אונשולדיגע אידען ?

### אנטווארט

מיר קאנען קיינמאל נישט אורטיילען א גאנץ פאס מיט עפעל צוליעב איינאיינציגען אפעל. מיר וואלטען קיינמאל אויך נישט געוואגט צו אורטיילען אלע אידען צוליעב איינציגע אידישע גענגסטערס און מערדערס. ישוע המשיח האט אונז אנגעזאגט אין מתתיהו ז, 17,16: "איהר זאלט זיי ביי זייער פרוכט דערקענען. קאן מען דען ארויסבעקומען וויינטרויבען פון דערנער . . . יעדער גוטער בוים ברענגט גוטע פרוכט און אויף א שלעכטען בוים וואקסט שלעכטע פרוכט".

א קריסט איז נור דאס וואס דאס ווארט מיינט, נעמליך, איינער וואס גלויבט אין קריסטוס. (ישוע המשיח). ישוע המשיח האט קיינמאל נישט געהייסען קיינעם האסען אדער הרג'ענען. אין געגענטייל, ער האט אויסדריקליך אנגעזאגט זיינע תלמידים אז זיי זאלען יעדען מענשען ליעבען. ער זאגט אין מתתיהו ה, 43, 44: "איך זאג אייך אז איהר זאלט ליעבען אייערע שונאים, בענשט די וואס שעלטען אייך, טהוט גוטעס צו די וואס האסען אייך, בעט פאר די וואס באליידיגען אייך".

די אנטווארט אויף דיזע פראגע איז: אז אלע שונאים פון רוסלאנד, שפאניען, רומעניען, און פון איבעראל וואס האבען יא געהאסט, וועה געטהאן און גע'הרג'עט אידען, זענען קיינמאל קיינע קריסטען געוועז. א קריסט וואס גלויבט אין ישוע המשיח ליעבט אידען.

אלגעמיינע צושטערונג.

יעצט, בלויז עטליכע וואכען צוריק, קומט א צווייטע ענטוישענדע רעזאלוציע, און דאס איז, אז גרויס בריטאניע איז גרייט צו יעדען מאמענט אוועקצומאכען מיט'ן האנד די היסטארישע פארגאנגענהייט, פארגעסען פריהערדיגע צוזאגען און פלוצלונג אנאנסירען א גאנץ נייע פאליסי אז אידען זאל מעהר ניט ערלויבט זיין אריינצוקומען אין פאלעסטינא. פיעלע אידען וועלכע זיינען שוין אריינגעקומען מוזען אויסגעוויזען ווערען און, נאכמעהר, קיין אידען וועט מעהר ניט ערלויבט זיין צו קויפען לאנד פון אראבער. וואס דאס מיינט, גאנץ פשוט, אז דער ציוניזם מוז אויפגעגעבען ווערען.

איז עס שוין ניט צייט אז אידען פון דער גאנצער וועלט זאלען זיך פארטראכטען אביסעל וועגען זיך זעלבסט אויסצוגעפינען די אורזאכע פאר די ענטמוטיגענדע ערפאהרונגען? אנשטאט ארויפצוווארפען די גאנצע שולד אויף ענגלאנד און אנדערע נאציאנען, אנשטאט ארויסצוציינען ראכע־געפיהל און האס געגען דעם אראבער, אנשטאט ארויסצייגען גאוה און עקשנות, בעסער צייגען א בעסערען ביישפיעל צו דער וועלט מיט דעם וואס מיר וועלען ארויסצייגען אמת'ע ליעבע פאר אנדערע וועלכע פילען אז זיי האבען געוויסע מענשליכע רעכטע, פונקט ווי אידען פיהלען אז זיי האבען מענשליכע רעכטע?

אבער, אחוץ אלעם, וואלטען מיר ניט בעדארפט באמת פארשטעהן וואס אייגענטליך ציוניזם איז, אדער וואס עס האט בעדארפט זיין? ווארום באשטעהן דורכאוים אויף פאלעסטינא? וואלט דען אן אנדער לאנד ניט זיין פונקט אזוי גוט?

געווים ווייסט יעדער איד דעם ענטפער: מיר ווילען פאלעסטינא ווייל גאט האט עס אונז אוועקגעגעבען מיט פיעל יאהרען צוריק. אויב דאס איז אמת, דאן קומען מיר צום הויפט גרונד פון ציוניסטישען פראבלעם:

גאט, הייסט עס, האט אונז געגעבען דאס לאנד, פאלעסטינא, מיט פיעלע יאהרען צוריק. אבער דערווילע, דורך פארשידענע היסטארישע ענדערונגען, באזיצען פרעמדע דאס לאנד. מיר זיינען פון דארט פארטריבען געווארען צוליעב אונזערע זינד, אזוי ווי גאט האט אונז אנגעזאגט אז ער וועט טאהן.

דערפאר מוז יעדער אידישער מוח וואס דענקט עהרליך קומען צום באשלוס אז דער איינציגער וועג ווי מיר קענען קריגען אונזער לאנד צוריק, איז עס נישט פון ענגלאנד, נישט פון פעלקער־בונד, נאר פון גאט. און דער איינציגער וועג ווי מיר קענען עס קריגען פון גאט איז, תשובה צו טהאן, מודה זיין אויף אונזערע זינד געגען איהם און ענדליך מודה זיין אויף דער גרעסטער זינד אין אונזער געשיכטע, יענע שרעקליכע האנדלונג ווען מיר האבען פארווארפען ישוע המשיח וועלכער איז געקומען און האט זיך מקריב געווען פאר אונז מיט 1900 יאהר צוריק און אונזערע עלטערען האבען אויסגעשריען: "אוועק מיט איהם!"

זאל עס אבער דא געזאגט ווערען צו אונזער גרויסער שאנדע אז דער ציוניזם איז לגמרי אהן גאט! ווען איהר באזוכט די פארשידענע ציוניסטישע פראטעסט־מיטינגען און ווען איהר הערט ווי די רעדנער דערצעהלען אזוי גאוה'דיג וועגען דעם וואס דער ציוניזם טהוט אויף און וואס דער ציוניזם וועט אויפטהאן, מוזט איהר פיעלע מאל, אויב איהר זייט אביסעלע רעליגיעז געשטימט, אוועקגעהן מיט א צובראכענעם הארץ, ווייל איהר באגרייפט ווי טרויעריג דאס אלעם איז. מ י ר וועלען צווינגען ענגלאנד צוריקצוציהען דעם באשלוס פון ראמסיי מעקדאנאלד. מ י ר וועלען ארויסטרייבען די אראבער, מ י ר וועלען אויפבויען פאלעסטינא און מ י ר וועלען פון איהר מאכען א לאנד וואס פליסט מיט מילך און האניג".

באמערקט, ליעבער לעזער, אז דאס אלעס וועלען מ י ר טהאן! קיינמאל האבען מיר אליין ניט געזעהן אין שריפט אדער געהערט ביי וועלכע פון די פראטעסט פערזאמלונגען דערמאנט גאט'ס נאמען, אפילו קיין איין איינציגען אויסדרוק פון האפנונג אז גאט וועט זיי העלפען דאס אלעס צו טהאן.

אין ירמיהו י"ז 5 לעזען מיר: אזוי זאגט דער האר, פארשאלטען איז דער מענש וואס פארלאזט זיך אויף מענשען און מאכט פלייש פאר זיין שטארקייט און וועמעס הארץ עס קעהרט אפ פון דעם האר".

איז דען פאראן איין אמת'ער איד, וואס גלויבט ניט אז גאט אליין, אהן דער הילף פון ענגלאנד, און פון דער "ליעג אוו ניישאנס" איז פאלשטענדיג בכוח אוועקצוגעבען פאלעסטינא צו די אידען? און ווען מיר זאגען "אוועקגעבען" מיינען מיר טאקע "אוועקגעבען"; ניט אז אידען זאלען אבקויפען פאלעסטינא ביי די אראבער, נאר אז גאט איז בכוח אוועקצוגעבען עס צו די אידען בחנם! איז עס מעגליך אז אידען האבען פארלארען דעם גלויבען אין גאט און אז זיי זיינען אונוויליג זיך צו פערלאזען אויף איהם?

טא אויב מיר ווייסען אז גאט קאן אונז געבען דאס לאנד אהן אונזער שלאגען זיך דערפאר און אהן אונזער אויסקויפען עס, דאן, ליבער פריינד, איז עס דען ניט אין אונזער אינטערעסע אויסצוגעפינען ווארום גאט האט אונז ביז יעצט דאס לאנד ניט געגעבען? איז דען דאס ניט דער זיכערסטער וועג פאר אונז צוריקצוקריגען אונזער לאנד, ווייל עס איז די אלטע ערפאהרונג פון אונזערע עלטערען: "אויב גאט איז מיט אונז ווער קען זיין געגען אונז?

גאט זאגט צו אונז: "איך האב א ויכוח מיט אייך, בעוואוינער פון דעם לאנד, ווייל עס איז ניט פארהאנען קיין אמת און קיין חסד און קיין דערקענטעניש פון גאט אין דעם לאנד". (הושע 1:4).

און גאט האט אונז ווייטער געזאגט אז אין א געוויסען טאג וועט ער אונז צונויפזאמלען און זיך אויס'טענה'ן מיט אונז און ווען דאס פאסירט וועט עס שוין זיין צו שפעט פאר אונז חרטה צו האבען. גאט וועט אונז דאן משפט'ען. און דאן וועט אונזער פאלק בוכשטעבליך דורכגעהן דעם גאנצען פייער פון משפט. אלץ דערפאר ווייל מיר ווילען זיך ניט אומקעהרען צו גאט און אננעהמען דעם האר ישוע המשיח און דורכדעם ווידער ווערען גאט'ס פאלק.

נאכדעם ווי מיר וועלען האבען דורכגעגאנגען די שרעקליכע טעג וואס שטעהט אונז פאר, דאן וועלען מיר האבען געלערנט אונזער לעסאן און קומען צום שכל, ווייל גאט זאגט:

"איך וועל אויסגיסען איבער דעם הויז געזינד פון דוד און איבער די איינוואוינער פון ירושלים דעם גייסט פון חן און געבעט, און זיי וועלען אויף מיר קוקען וועמען זיי האבען צושטאכען און זיי וועלען איבער איהם קלאגען אזוי ווי איינער קלאגט איבער א (בן) יחיד און זיי וועלען זיין אין ביטערקייט איבער איהם אזוי ווי איינער איז אין ביטערקייט איבער א בכור. אין דעם זעלביגען טאג וועט די קלאג זיין אזוי גרויס אין ירושלים ווי די קלאג פון דדרימון אין דעם טהאל פון מגידון". (זכריה י"ב).

ליבער לעזער, ווארום ווארטען ביז יענע צייט? ווארום זאל אונזער אידיש פאלק זיך ניט ווענדען צום האר ישוע המשיח יעצט און זיך איינשפארען די שרעקליכע טעג וואס וועלען קומען?

---

## כ ל ל י ם

## ווי אזוי צו לייענען דעם ברית חדשה

1. לעזט רוהיג, פונקט אזוי ווי איהר דארפט אייערע מאלצייטען עסען רוהיג. מיידעט אויס אלעם וואס קאן פארפלאנטערען אייערע געדאנקען אדער אבציהען זיי אין אנדערע ריכטונגען. דאס לעזען קאן נור נוצען ווען די נשמה איז אויפמערקזאם דערצו.

2. לעזט נישט צו־שנעל און אין איילעניש. גייסטיגע שפייז — אקוראט אזוי ווי קערפערליכע שפייז — מוז גוט געקייעט און פערדייעט ווערען.

3. לעזט נישט צו־פיעל מיט אמאל. נישט אזוי ווי מאנכע אידען, איידער מ'קוקט זיך ארום האבען זיי שוין אבגעזאגט גאנץ תהלים, וואס פאר א תענוג האבען זיי דערפון? דאס לעזען אין גרויס איילעניש מאכט נור מיעד און גלייכגילטיג. איין בלעטעל אדער צוויי, איז גענוג אום דאס גייסטיגע חיות צו בעקומען.

4. שפרינגט נישט צו־שנעל פון ברית חדשה צו אנדערע ספרים. די זומער פייגעלעך וואס פליהען פון איין בלום צו דער צווייטער ברענגען קיינעם קיין נוצען. דאגעגען אבער די בינען וואס גראבען זיך איין אין די בלום־בעכערלעך קומען צוריק אין זייערע וואוינונגען פול מיט האניג.

5. לעזט דעם ברית חדשה, האבענדיג נעבען זיך דאס הייליגע תנ"ך וואס איז דער פונדאמענט דערצו, איהר זאלט באלד קאנען אויפמישען אין תנ"ך די שטעלען וואס זענען אנגעגעבען אין ברית חדשה. אין תנ"ך זענען די נביאות, די פארשפרעכונגען און אין ברית חדשה זענען די ערפילונגען.

---

## א טרינק פון דער קוואלענדער ברון

"ווער עס וועט טרינקען פון דעם וואסער וואס איך וועל איהם געבען דער וועט קיינמאל נישט דורשטיג זיין, נייערט דאס וואסער וואס איך וועל איהם געבען וועט אין איהם זיין א קוואל פון וואסער וואס קוועלט צום עוויגעם לעבען." — יוחנן ד'.

און ער האט זיי א משל געזאגט: עס איז געווען א רייכער מאן וועמען זיין לאנד האט פיעל פרוכט געטראגען. און ער האט ביי זיך געטראכט, וואס זאל איך טהון, ווארום איך האב ניט וואו איך זאל מיינע פרוכט איינזאמלען? און ער האט געזאגט, דאס וועל איך טהון: איך וועל מיינע שפייכלער אפברעכען און וועל גרעסערע בויען, און דארט וועל איך איינזאמלען אלע מיינע תבואות און מיין פארמעגען; און איך וועל צו מיר זאגען: מענש, דו האסט פיעל פארמעגען אויפגעלעגט אויף פילע יאהרען: האב רוה, עס, טרינק, און זיי פרעהליך. אבער גאט האט צו איהם געזאגט: דו נאר, דיזע נאכט וועט מען דיין נשמה פון דיר פאדערען, און וועמעס וועט זיין דאס וואס דו האסט אנגעבריים? אזוי איז דער וואס זאמעלט זיך אן אוצר, און איז ניט רייך צו גאט. (לוקס י"ב:16־21).

THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

# רעה ישראל

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח.

Vol. XIII. No. 7 | 50 CENTS A YEAR | MARCH, 1931

## וואס מיינט „רעה ישראל״?

דער נאמען "רעה ישראל" אין דעם אויבערשריפט זאגט שוין אליין פון וואס ס'רעדט זיך. יעדער איד וואס פארשטעהט די בעדייטונג פון די ווערטער "רעה ישראל", ד. ה. "דער פאסטוך פון ישראל", ווייסט וואסארא ערהויבענע פערזאן דיזער פאסטוך דארף זיין. ווער ס'איז בעקאנט אין תנ"ך ווייסט גוט וואס פאר א פלאץ דער "רעה ישראל" פארנעמט דארט און וויפיעל נביאות זענען וועגען איהם געזאגט. איך וועל דא נאר דערמאנען איינינע:

ווען גאט טרייסט ישראל דורך דעם נביא ישעיה און זאגט אן די בשורה וועגען ישראל'ס גאולה, זאגט ער, אז ער וועט ווי א פאסטוך פאסען זיינע שאף און די שוואכינקע טראגען אין זיין שויס (קאפ. מ:11—1).

ביים נביא ירמיה, קאפ. ל"א, איז אונז געזאגט קלאר וועגען גאט'ס פלענער מיט ישראל, וועמען ער ליעבט מיט אן עוויגער ליעבע, אז ער וועט זיי ווידער צונויפנעהמען פון דעם גלות און וועט זיי ווי א פאסטוך אפהיטען און וועט מיט זיי שליסען א נייעם בונד.

דורך דעם נביא יחזקאל, קאפ. ל"ד, מוסר'ט גאט די אידישע פיהרערס דערפאר וואס זיי זענען געווארען אונטרייע פאסטוכער, וועלכע האבען זיך אליין געפאסעט און האבען ניט אפגעהיט די שעפעלאך, די בני ישראל, וועלכע זענען זיך צולאפען און זענען פארבלאנדזעט געווארען. דארט זאגט גאט אז ער וועט ווי א פאסטוך צונויפנעמען זיינע צוזייטע און צושפרייטע שאף און וועט זיי פיהרען אויף גוטע פאשע, ער וועט די קראנקע היילען און די פארוואונדעטע שטארקען. דארטען זאגט ער קלאר אז דער פאסטוך וואס וועט ברענגען די ישועה פאר די פארלוירענע שאף וועט זיין דער קנעכט דוד. ער וועט זיין איבער זיי א נשיא (א פירסט) און וועט מיט ישראל מאכען א ברית פון שלום.

זעלבסט פארשטענדיג אז דארט געהט ניט די רעדע פון דוד המלך גופא, ווייל אין דער צייט פון יחזקאל הנביא איז דוד שוין לאנג געוועזן טויט. די רעדע געהט וועגען דעם משיח בן דוד, דורך וועלכען גאט וועט אויפהויבען די געפאלענע בני יעקב און אומקערען די פארבלאנדזעטע בני ישראל, און דער משיח וועט אויך זיין א ליכט פאר די גוים, כדי די ישועה פון גאט זאל זיך פארשפרייטען ביז אין דער וועלט ענדע.

ווערטהע לעזער פון רעה ישראל. פיהלען מיר דען ניט די גרויסע נויט אין אזא פאסטוך? זעהען מיר דען ניט מיט אונזערע אייגענע אויגען ווי די פאסטוכער פון ישראל פיהרען אונז ניט אויף גאטס וועג און ווי די שעפעלעך זענען זיך צולאפען: איינינע זענען אריין אין די שפאלטען פון רעליגיעזען פאנאטיזם, איינינע האבען זיך פארטשעפעט אין די דערנער פון פריידענקערישע וועגען, א סך פארבלאנזעטע שעפעלעך דרעהען זיך אין די פינסטערע טאהלען פון גלייכגילטיגקייט. מ'איז נעביך צוקלאפט און צו'הרג'עט פון אלע זייטען, מאראליש און סאציאליש. וואס פאר א קרענק ס'קומט נאר אויף דער וועלט פעהלט זי אונז ניט, מיר האבען זי כפל כפלים. איך דענק אז יעדער, ווער ס'קוקט מיט אפענע אויגען אויף דיזער לאגע פון אונזער פאלק, יעדער ווער עס פיהלט דיזע אלע וועהטאגען, האט א טיפען פארלאנג, א זעהנזוכט נאך דעם אמת'דיגען "רעה ישראל" פון וועלכען די נביאים האבען גערעט, און דאס איז קיין אנדערער ווי ישוע הנצרי, וועלכער איז דער גוטער פאסטוך (רעה־הטוב) וואס האט בעדארפט, לויט גאטס פלאן צו ליידען, געשלאגען און געפלאגט צו ווערען צום טויט, כדי צו זיין א קרבן פאר אונזערע עברות און פאר דער זינד פון דער גאנצער וועלט, כדי אין זיין זכות זאלען מיר האבען סליחות עונות און זיינע וואונדען זאלען אונז דינען פאר א רפואה, אזוי ווי עס הייסט אין תנ"ך:

"אכן חלינו הוא נשא ומכאבינו סבלם . . . מוסר שלומנו עליו ובחברתו נרפא לנו. כלנו כצאן תעינו איש לדרכו פנינו ויהוה הפגיע בו את עון כלנו . . ." (ישעיה נ"ג).

משה רבנו, אלס א פארמיטלער צווישען גאט און ישראל, האט אמאל געוואלט אוועקגעבען זיין לעבען פאר אידען. ווען גאט האט זיי געוואלט פארניכטען האט ער געזאגט צו גאט: „...ואם אין מחני נא מספרך אשר כתבת" (שמות ל"ג). אבער ישוע המשיח האט טאקע דאס באמת געטוהן און אלעס דורכגעפירט, ווי ס'פאסט פאר'ן אמת'ן משיח, דערפאר האט ער מיט רעכט געזאגט אין יוחנן קאפ. 10: "איך בין דער גוטער פאסטוך, דער גוטער פאסטוך גיבט אוועק זיין לעבען פאר די שאף". ווען מיר האלטען בכבוד די גבורים פון אלטע צייטען ווי אויך די גבורים פון היינטיגע צייטען, וועלכע טהון אלעס מעגליכע צו רעטען אנדערע, וויפיעל מעהר דארפען מיר האלטען בכבוד ישוע המשיח, וועלכער האט פאר די מענשהייט אזוי פיעל געליטען און זיך באמת מקריב געווען כדי אונז צו רעטען און צו בעפרייען פון טויט און אונטערגאנג.

ישוע המשיח, דער לעבעדיגער גואל, דער "גוטער פאסטוך", ראטעוועט נאך היינט די פארבלאנזעטע, זינדיגע מענשען, יהיה מי שיהיה. ווער עס קומט נאר צו איהם מיט אמונה, קאן באפרייט ווערען פון זינד. דעם גיבט ער טרייסט, שענקט איהם שלום אין הארצען און פיהרט אויף דעם וועג וואס ברענגט צום לעבען. ווער ס'האט דעם גוטען פאסטוך איז גליקליך ביים לעבען, און ביים שטארבען קאן ער זאגען ווי דוד המלך (תהלים כ"ג): "גאט איז מיין פאסטוך.. ווען איך וועל אפילו געהן דורך דעם שאטען פון טויט האב איך דאך קיין מורא, ווייל דו ביזט מיט מיר" (יהוה רעי... גם כי אלך בגי צלמות לא אירע רע, כי אתה עמדי).

דיזע פארזיכערונג האבען אלע אמת'ע מאמינים פון דער צייט אן וואס מיר האבען זיך באקערט פון אונזערע זינד צו גאט דורך דעם "רעה ישראל". דארום רופען מיר אויך אנדערע צו דעם גליק, צו דעם שלום וואס דער רעה ישראל, דער שר שלום, וויל געבען יעדען וואס וויל איהם אננעמען אלס דעם איינציגען גואל צדק.

ל. אווערבאך.

---

## גאט'ס רפואה פאר'ן ציוניזם

עס הערשט ווידער א צוטומלעניש אין די ציוניסטישע קרייזען. אידישע אמביציעס פאר א פאלשטענדיגען בעזיץ און א הערשאפט איבער פאלעסטינא האבען ווידער געקראגען א שטארקען קלאפ, ניט קוקענדיג אויף די גרויסע האפנונגען וואס דאס אידישע פאלק האט געלייגט אויף ענגלאנד'ס פארשפרעכונגען און זייער גרויסען צוטרויען צו דער "ליעג אוו ניישאנס" מאנדאט, הויבען אידישע מחות שוין אן צו באגרייפען דעם ביטערען אמת אז קיין זאך איז ניט זיכער אויף אונזער וועלט.

עטוואס מעהר ווי א יאהר צוריק זיינען אנגעקומען בעריכטען פון גרויזאמע שחיטות אין ירושלים און אומגעגענד און מיר האבען דאן אויסגעפונען מיט ערשטוינונג אז אפילו ענגלאנד מיט איהר גרויסער מאכט איז געווען מאכטלאז אין א קריטישען מאמענט, צו פערמיידען בלוט פארגיסונג און

Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1927